לוח עמוד היומי בזוה"ק – פרשת ויקרא

| חלק ט – פרשת פקודי | | |
| --- | --- | --- |
| יום | וילנא | מתוק מדבש |
| ראשון | רסג ע"ב | תקלא-תקלו |
| שני | רסד ע"א | תקלו-תקמב |
| שלישי | רסד ע"ב | תקמב-תקמז |
| רביעי | רסה ע"א | תקמז-תקנב |
| חמישי | רסה ע"ב | תקנב-תקנז |
| שישי | רסו ע"א | תקנז-תקסב |
| שב"ק | רסו ע"ב | תקסב-תקסח |

# זהר הקדוש מיט׳ן פירוש מתוק מדבש

## אויף די פרשה און עניני דיומא

נתנדב לעילוי ולטובת נשמת הר"ר ישעיה ז"ל בן יבלחט"א הר"ר אהרן הכהן הי"ו

יו"ל בעזהשי"ת ע"י
מרכז "מתוק מדבש" ת.ד. 5315 ירושלים

עלון מס׳ 123 | פרשת ויק"פ – החודש תשפ"ג

## כצאת השמש אומר הוא לבני אדם הודו לה׳ על כל הטובות

**בְּשַׁעְתָּא דְשִׁמְשָׁא נָפִיק בִּימָמָא** בשעה שהשמש יוצא ביום, **יִשְׂרָאֵל נָטְלֵי שִׁירָתָא לְתַתָּא וְשִׁמְשָׁא לְעֵילָּא** אז ישראל אומרים שירה למטה והשמש למעלה, **דִּכְתִיב יִירָאוּךָ עִם שָׁמֶשׁ** פי׳ ייראו ממך בעת שהשמש מתחיל להאיר, כי **בְּשַׁעְתָּא דְנָטִיל שִׁמְשָׁא בְּגַלְגְּלוֹי** בשעה שהשמש נוסע בגלגליו, **פָּתַח קַל נְעִימוּתָא וְאָמַר שִׁירָתָא** פותח קול נעים ואומר שירה, **וּמַאי שִׁירָתָא קָאָמַר** ומהו השירה שאומר, **הוֹדוּ לַיהו"ה קִרְאוּ בִשְׁמוֹ** הודיעו בעמים עלילותיו, כי השמש משגיח ורואה כל עלילותיו של הקב"ה מפני שהוא משמש ממזרח שמש עד מבואו, ואומר לבני האדם הודו לה׳ על כל הטובות שעושה עמכם, **שִׁירוּ לוֹ זַמְּרוּ לוֹ** שיחו בכל נפלאותיו, וגם תשיחו ביניכם בכל נפלאות ה׳ העושה בעולמו, **וְיִשְׂרָאֵל מְשַׁבְּחָן לְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּימָמָא עִם שִׁמְשָׁא** וישראל משבחים להקב"ה ביום עם השמש, **הָדָא הוּא דִכְתִיב יִירָאוּךָ עִם שָׁמֶשׁ** זהו שכתוב פי׳ מתי מתראים אליך עם שירות ותשבחות, בעת שהשמש מזמר לך, שאז מקבלים עליהם מלכות שמים, **וְאַף עַל גַּב דְּהָא אוֹקִימְנָא לְהַאי קְרָא** ואף על פי שהעמדנו פסוק זה במס׳ ברכות (דף ט ע"ב) שמצוה להתפלל עם הנץ החמה.

**אָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר, אִלְמָלֵא דִבְנֵי עָלְמָא אֲטִימִין לִבָּא וּסְתִימִין עַיְינִין** אם לא היו בני העולם אטומי לב וסתומי עיני השכל, **לָא יָכְלִין לְמֵיקַם מִקָּל נְעִימוּתָא דְגַלְגְּלָא דְשִׁמְשָׁא כַּד נָטִיל וּמְשַׁבַּח קַמֵּי קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא**

## אידיש

### וֶוען דֶער זוּן קוּמְט אַרוֹיס, זָאגְט עֶר צוּ דִי מֶענְטְשְׁן: דַאנְקְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע גוּטְס

**זָאגְט** דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, וֶוען דֶער זוּן קוּמְט אַרוֹיס בַּייטָאג, דֶעמָאלְטְס זָאגְן דִי אִידְן שִׁירָה דָא אוּנְטְן, אוּן דֶער זוּן זָאגְט שִׁירָה אוֹיבְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "יִירָאוּךָ עִם שָׁמֶשׁ", דָאס מֵיינְט אַז דִי אִידְן וֶועלְן פָארְכְטְן פוּן דִיר אִינְדֶערְצַייט וָואס דֶער זוּן הֵייבְּט אָן צוּ לַייכְטְן, וַוייל וֶוען דֶער זוּן פָארְט מִיט זַיינֶע רֶעדֶער, הֵייבְּט עֶר אָן צוּ זָאגְן שִׁירָה מִיט אַ זִיסֶע שְׁטִימֶע. פְרֶעגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אוּן וָואס אִיז דִי שִׁירָה וָואס עֶר זָאגְט, עֶנְטְפֶערְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אַז עֶר זָאגְט "הוֹדוּ לַה׳ קִרְאוּ בִשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילֹתָיו", לוֹיבְּט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, רוּפְט אִין זַיין נָאמֶען, לָאזְט וִויסְן צְוִוישְׁן דִי פֶעלְקֶער דִי זַאכְן וָואס עֶר טוּט. וַוייל דֶער זוּן קוּקְט זִיךְ אוּם אוּן זֶעט אַלֶעם וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער טוּט, וִויבַּאלְד עֶר דִינְט פוּן דֶער זַייט וואו עֶר שַׁיינְט אוֹיף בִּיז דָארְט וואו עֶר גֵייט אוּנְטֶער, אוּן עֶר זָאגְט צוּ דִי מֶענְטְשְׁן, דַאנְקְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע גוּטְס וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ. אוּן דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער, "שִׁירוּ לוֹ זַמְּרוּ לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו", זִינְגְט צוּ אִים שְׁפִּילְט פַאר אִים, רֶעדְט אִין אַלֶע זַיינֶע וואוּנְדֶער, דָאס מֵיינְט אַז אִיר זָאלְט שְׁמוּעֶסְן צְוִוישְׁן זִיךְ אִיבֶּער אַלֶע וואוּנְדֶער פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר טוּט אִין זַיין וֶועלְט, אוּן דִי אִידְן לוֹיבְּן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן בַּייטָאג צוּזַאמֶען מִיטְן זוּן, אוּן דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "יִירָאוּךָ עִם שָׁמֶשׁ", דָאס מֵיינְט, אַז וֶוען וַוייזְט מֶען זִיךְ צוּ דִיר מִיט גֶעזַאנְגֶען אוּן לוֹיב, דֶעמָאלְטְס וֶוען דֶער זוּן זִינְגְט פַאר דִיר, וָואס דֶעמָאלְטְס נֶעמְט מֶען אוֹיף זִיךְ מַלְכוּת שָׁמַיִם, אוּן דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פִירְט אוֹיס, אַז כָאטְשׁ מִיר הָאבְּן גֶעשְׁטֶעלְט דֶעם פָּסוּק אִין מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, אוֹיף דֶעם אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ דַאוְוענֶען שַׁחֲרִית צוּזַאמֶען מִיטְן אוֹיפְשַׁיין פוּן דֶער זוּן, טְרָאצְדֶעם מֵיינְט אוֹיךְ דֶער פָּסוּק צוּ וַוייזְן אוֹיף דָאס וָואס מִיר הָאבְּן נָארְוָואס גֶעלֶערְנְט.

**הָאט** רַבִּי אֶלְעָזָר גֶעזָאגְט, אַז וֶוען נִישְׁט אַז דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי וֶועלְט זֶענֶען מִיט פַארְשְׁטָאפְּטֶע הֶערְצֶער אוּן מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן פוּנֶעם שֵׂכֶל, וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט

לא היו יכולים לעמוד מקול הנעימות של גלגל השמש כשנוסע ומשבח להקב״ה, כי נעימות קול יתירה עוקר חיי הלב ומפרחת את הנשמה. (דף קצו ע״א, ובביאורינו כרך ח עמ׳ קצח)

## המקבל את העני בסבר פנים יפות, מכבד את הקב״ה ששלח לו מתנה זו

**קְחוּ מֵאִתְּכֶם תְּרוּמָה לַיהו״ה** כדי לפרש פסוק זה מקדים, **רַבִּי יְהוּדָה פָּתַח** לפרש מש״כ **הֲלֹא פָרוֹס לָרָעֵב לַחְמֶךָ** פי׳ תזהר לבצוע ולחתוך את לחמך למי שהוא רעב, **ועניים מרודים תביא בית**, פי׳ עניים הנאנחים שאין להם מקום לחסות בו אותם תביא אל ביתך, **תָּא חֲזֵי זַכָּאָה חוּלָקֵיהּ דְּבַר נָשׁ כַּד מִסְכְּנָא אִעֲרַע לְגַבֵּיהּ** בא וראה אשרי חלקו של אדם כשעני נזדמן ובא אליו מעצמו ולא היה צריך לרדוף אחריו, כי זהו סימן **דְּהַהוּא מִסְכְּנָא דּוֹרוֹנָא דְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא הֲוֵי דְּשַׁדַּר לֵיהּ** שאותו העני הוא דורון של הקב״ה ששלחו אליו, וזה מראה שהקב״ה חפץ במצותיו מאד, לכן **מַאן דִּמְקַבֵּל לֵיהּ לְהַהוּא דּוֹרוֹנָא בְּסֵבֶר אַנְפִּין זַכָּאָה חוּלָקֵיהּ** מי שמקבל את הדורון ההוא שהוא העני בסבר פנים יפות אשרי חלקו, כי הוא מכבד את הקב״ה ששלח את העני אצלו.

**תָּא חֲזֵי מַאן דְּחָיִּיס לְמִסְכְּנָא וְאָתִיב לֵיהּ נַפְשֵׁיהּ** בא וראה מי שמרחם על העני ומשיב את נפשו באכילה ושתיה, **קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא סָלִיק עֲלֵיהּ כְּאִילוּ הוּא בָּרָא לְנַפְשֵׁיהּ** הקב״ה מעלה עליו כאילו הוא ברא אותו, **וְעַל דָּא אַבְרָהָם דַּהֲוָה חָיִּיס לְכָל בְּנֵי עָלְמָא** ועל כן אברהם שהיה מרחם על כל בני העולם, **סָלִיק עֲלֵיהּ קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא כְּאִילוּ הוּא בָּרָא לוֹן** העלה עליו הקב״ה כאילו הוא ברא אותם, **דִּכְתִיב** אצל אברהם ושרה **וְאֶת הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר עָשׂוּ בְחָרָן** כלומר שהשיבו את נפשם באכילה ושתיה לכן נחשב להם כאילו עשו ובראו אותם, **וְאַף עַל גַּב דְּהָא אוֹקִימְנָא** ואף על פי שביארנו פסוק זה על הגרים שגיירו, עכ״ז גם זה בכלל.

## אידיש

אויסְהַאלְטְן פוּן דֶעם זִיסְן שְׁטִימֶע פוּנֶעם גַּלְגַּל פוּן דֶער זוּן, אִינְדֶערְצַייט וָואס עֶר פָּארְט אוּן עֶר לוֹיבְּט פַאְרן אויבֶּערְשְׁטְן, וַוייל גָאר אַ זִיסֶע שְׁטִימֶע טוּט אויסְרַייסְן דִי לֶעבְּן פוּנֶעם הַארְץ אוּן עֶס מַאכְט אַרויסְפְּלִיעֶן דִי נְשָׁמָה.

### וֶוער עֶס נֶעמְט אוֹיף דֶעם אָרִימַאן מִיט אַ שֵׁיינֶעם גֶעזִיכְט, דֶער אִיז מְכַבֵּד דֶעם אויבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט אִים גֶעשִׁיקְט אָט דִי מַתָּנָה

**עֶס** שְׁטֵייט אִין פָּסוּק ״קְחוּ מֵאִתְּכֶם תְּרוּמָה לַה׳״, נֶעמְט פוּן אַייךְ אַ בַּיישְׁטַייעֶרוּנְג פַאְרן אויבֶּערְשְׁטְן. כְּדֵי צוּ עֶרְקְלֶערְן דֶעם פָּסוּק, הָאט רַבִּי יְהוּדָה אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּן הָאט צוּם עֶרְשְׁט עֶרְקְלֶערְט דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק ״הֲלוֹא פָּרֹס לָרָעֵב לַחְמֶךָ״, דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַרָאפְּצוּשְׁנַיידְן פוּן דַיין בְּרוֹיט פַאר דֶער וָואס אִיז הוּנְגֶערִיג, ״וַעֲנִיִּים מְרוּדִים תָּבִיא בָיִת״, אוּן אָרִימֶעלַייט וָואס קְרֶעכְצְן וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אָרְט וואוּ זִיךְ צוּ שִׁיצְן, זָאלְסְטוּ זֵיי אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דַיין הוֹיז. זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, קוּם אוּן זֶע, אַז וואוֹיל אִיז דֶער טֵייל פוּן אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶס קוּמְט אַלֵיין אָן צוּ אִים אַן אָרִימַאן אוּן עֶר הָאט אִים נִישְׁט גֶעדַארְפְט נָאכְיָאגְן, וַוייל דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דֶער אָרִימַאן אִיז אַ גֶעשַׁאנְק פוּנֶעם אויבֶּערְשְׁטְן וָואס דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעשִׁיקְט צוּ אִים, אוּן דָאס וַוייזְט אַז דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין זַיינֶע מִצְוֹת, דֶערִיבֶּער, וואוֹיל אִיז דֶער טֵייל פוּן דֶער וָואס נֶעמְט אוֹיף אָט דִי מַתָּנָה, וָואס דָאס אִיז דֶער אָרִימַאן, מִיט אַ שֵׁיינֶעם גֶעזִיכְט, וַוייל עֶר אִיז מְכַבֵּד דֶעם אויבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט אִים גֶעשִׁיקְט דֶער אָרִימַאן.

**זָאגְט** דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, קוּם אוּן זֶע, אַז דֶער וָואס דֶערְבַּארִימְט זִיךְ אוֹיפְן אָרִימַאן אוּן עֶר קֶערְט אִים צוּרִיק זַיין גֵייסְט דוּרְךְ אִים גֶעבְּן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, וֶועט דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער עֶס רֶעכֶענֶען פַאר אִים אַזוֹי וִוי עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם אָרִימַאן, אוּן דֶערִיבֶּער, אִיז אַבְרָהָם וָואס עֶר הָאט זִיךְ דֶערְבַּארִימְט אוֹיף אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי וֶועלְט, הָאט עֶס דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער גֶערֶעכְנְט פַאר אִים אַזוֹי וִוי עֶר הָאט זֵיי בַּאשַׁאפְן, וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בַּיי אַבְרָהָם אוּן שָׂרָה, ״וְאֶת הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר עָשׂוּ בְחָרָן״, אוּן דִי נְפָשׁוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אִין חָרָן, דָאס מֵיינְט, אַז זֵיי הָאבְּן צוּרִיקְגֶעקֶערְט זֵייעֶר גֵייסְט דוּרְכְן זֵיי גֶעבְּן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, דֶערִיבֶּער וֶוערְט עֶס גֶערֶעכְנְט פַאר זֵיי אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אוּן בַּאשַׁאפְן. אוּן כָאטְשׁ מִיר הָאבְּן עֶרְקְלֶערְט דֶעם פָּסוּק אַז עֶס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי גֵּרִים וָואס זֵיי, אַבְרָהָם אָבִינוּ אוּן שָׂרָה אִמֵּנוּ, הָאבְּן מְגַיֵּיר גֶעוֶוען, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן גֵייט דָאס אוֹיךְ אַרַיין אִין דֶעם.

ומתחיל לפרש מש"כ **הֲלֹא פָרֹס, מַאי פָּרֹס** מה פירושו, ואמר **לְמִפְרַס לֵיהּ מַפָּה בְּנַהֲמָא וּמְזוֹנָא לְמֵיכַל** לפרוס לו מפה עם הלחם והמזון שנותן לו כדי לאכול דרך כבוד. **דָּבָר אַחֵר** פי' אחר על מש"כ **הֲלֹא פָרֹס** הוא לשון בציעה **כְּמָה דְאַתְּ אָמַר** כמו שנאמר **פְּרֵיס פְּרִיסַת** מלכותך, שפירושו שנחתך ונשבר מלכותך, כמו כן פרוס הוא לשון חתיכה, **דְּבָעֵי לְמִפְרַס פְּרִיסִין דְּנַהֲמָא קַמֵּיהּ בְּגִין דְּלָא לְכְסִיף** שצריך לחתוך חתיכות לחם לפני העני כדי שלא יתבייש לאכול, **וְיִפְרוֹס קַמֵּיהּ בְּעֵינָא טָבָא** ויחתוך לפניו בעין טובה ויפה.

ומש"כ הלא פרוס לרעב **לַחְמֶךָ**, הנה **לֶחֶם לָא כְתִיב** סתם, **אֶלָּא לַחְמֶךָ** דהיינו **הַהוּא דִּילָךְ מִמָּמוֹנָךְ** שתתן לו לחם שהוא שלך ממונך, **וְלָא דִּגְזֵילוּ וְלָא דְעֹשֶׁק וְלָא דִּגְנֵבָה** ולא של גזילה ולא של עושק ולא של גנבה, **דְּאִי הָכִי לָאו זְכוּתָא הוּא** שאם כן אין זה זכות ומצוה מה שנותן לעני, **אֶלָּא וַוי לֵיהּ דְּאָתֵי לְאַדְכְּרָא חוֹבוֹי** אלא אוי לו שבא להזכיר את עונו שגזל וגנב, כי מצות הצדקה שאדם עושה עולה למעלה, ואם היה הממון מגזל אז הס"מ המתלבש בעבירה מתלבש עכשיו בלבוש זה הצדקה ועולה למעלה להיכל המלך בלבוש המצוה, ושם מקטרג על האדם שזו המצוה היא באה בעבירה, נמצא שהמצוה שחשב שתעלה למעלה ותקובל ברצון בעיני ה', היא הסיבה שיזכירוהו לרעה ונחשב לו כאילו הכניס צלם להיכל.

**כְּגַוְונָא דָא** כעין זה מש"כ **קְחוּ מֵאִתְּכֶם תְּרוּמָה** פירושו **לַאֲרָמָא מִמַּה דִּלְכוֹן** שתרימו תרומה ממה שהוא שלכם, **וְלָא מֵעֹשֶׁק וְלָא מִגָּזֵל וְלָא מִגְּנֵבָה, וְהָא אוֹקְמוּהָ** והרי כבר ביארו חז"ל ענין זה.

(דף קצה ע"א, ובביאורינו כרך ח עמ' ריט-רכ)

## בת קול יוצאת בכל יום מצד הרחמים: הזהרו מחטא

**רַבִּי יוֹסֵי פָּתַח** לדרוש בסתרי תורה, והתחיל לפרש מש"כ **מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ, פָּעַלְתָּ לַחוֹסִים**

### אידיש

**עֶרְקְלֶערְט** יֶעצְט רַבִּי יְהוּדָה וָואס דֶער פָּסוּק מֵיינְט מִיט דִי וֶוערְטֶער "הֲלוֹא פָרֹס", אוּן עֶר זָאגְט, וָואס מֵיינְט "פָרֹס", אַז מֶען זָאל אוֹיסְשְׁפְּרֵייטְן פַאְרן אָרִימַאן דֶעם טִישְׁטוּךְ, מִיט דִי בְּרוֹיט אוּן דִי עֶסְן וָואס עֶר גֶעבְּט אִים כְּדֵי צוּ עֶסְן בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד. נָאךְ אַ פְּשַׁט אוֹיף דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "הֲלוֹא פָרֹס", דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן אוֹיפְשְׁנַיידְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "פְּרֵס פְּרִיסַת מַלְכוּתָךְ", דָאס מֵיינְט אַז דַיין קֶענִיגְרַייךְ אִיז צוּשְׁנִיטְן אוּן צוּבְרָאכְן גֶעוָוארְן, אַזוֹי אוֹיךְ דָא אִיז "פָרֹס" אַ לָשׁוֹן פוּן שְׁנַיידְן, וַוייל מֶען דַארְף שְׁנַיידְן שְׁטִיקְלֶעךְ בְּרוֹיט פַאְרן אָרִימַאן כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ עֶסְן, אוּן דֶער בַּעַל הַבַּיִת זָאל שְׁנַיידְן פַאר אִים מִיט אַ גוּט אוּן בְּרֵייט אוֹיג.

**אוּן** דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "הֲלוֹא פָרֹס לָרָעֵב לַחְמֶךָ", אוּן עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט "לֶחֶם", סְתַם בְּרוֹיט, נָאר "לַחְמֶךָ", דַיין בְּרוֹיט, דָאס מֵיינְט אַז דוּ זָאלְסְט אִים גֶעבְּן בְּרוֹיט וָואס אִיז דַיינְס, פוּן דַיין גֶעלְט, אוּן נִישְׁט פוּן גֶזֶל, רוֹיבּ, אָדֶער גְנֵיבָה וַוייל אִין אַזַא פַאל אִיז דָאס גֶעבְּן פַאְרן אָרִימַאן נִישְׁט קַיין זְכוּת אוּן קַיין מִצְוָה, נָאר, וֵויי אִיז צוּ אִים, וִוייַבַּאלְד עֶס קוּמְט דֶערְמַאנֶען זַיין זִינְד, וָואס עֶר הָאט גֶע'גַזְלְ'ט אוּן גֶע'גַנְבֶ'עט, וַוייל דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה וָואס דֶער טוּט גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן, אוּן אוֹיבּ דִי גֶעלְט אִיז גֶעקוּמֶען פוּן גֶזֶל, טוּט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם, וָואס עֶר וֶוערְט נִתְלַבֵּשׁ אִין דִי עֲבֵרָה, זִיךְ יֶעצְט מִתְלַבֵּשׁ זַיין מִיט דִי לְבוּשׁ פוּן אָט דִי צְדָקָה, אוּן עֶר גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן צוּם הֵיכַל הַמֶּלֶךְ מִיט דִי לְבוּשׁ פוּן דִי מִצְוָה, אוּן דָארְט אִיז עֶר מְקַטְרֵג אוֹיף דֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר טַעֲנָה'ט אַז דָאס אִיז אַ מִצְוָה הַבָּאָה בַּעֲבֵרָה, קוּמְט אוֹיס אַז דִי מִצְוָה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶס וֶועט אַרוֹיפְגֵיין לְמַעְלָה אוּן אָנְגֶענוּמֶען וֶוערְן בְּרָצוֹן פַאְרן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, טוּט גָאר צוּבְרֶענְגֶען אַז עֶר זָאל דֶערְמַאנְט וֶוערְן צוּם שְׁלֶעכְטְן, אוּן עֶס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט פַאר אִים אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ צֶלֶם בְּהֵיכָל.

**עֶנְדְלִיךְ** צוּ דֶעם זָאגְט דֶער פָּסוּק "קְחוּ מֵאִתְּכֶם תְּרוּמָה", נֶעמְט פוּן אַייךְ אַ בַּיישְׁטֵייעֶרוּנְג, דָאס מֵיינְט אַז אִיר זָאלְט אָפְּשֵׁיידְן אַ בַּיישְׁטֵייעֶרוּנְג פוּן דָאס וָואס אִיז אַייעֶרְס, אָבֶּער נִישְׁט פוּן רוֹיבּ אָדֶער גֶזֶל אָדֶער גְנֵבָה, אוּן חֲזַ"ל הָאבְּן שׁוֹין עֶרְקְלֶערְט דֶעם עִנְיָן.

**אַ בַּת קוֹל גֵייט אַרוֹיס יֶעדְן טָאג מִצַּד דִי בְּחִינָה פוּן רַחֲמִים, אוּן רוּפְט אוֹיס: הִיט אַייךְ פוּן זִינְד**

**רַבִּי** יוֹסֵי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דַרְשֶׁ'נֶען אִין סִתְרֵי תוֹרָה, אוּן הָאט עֶרְקְלֶערְט דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, "מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ, פָּעַלְתָּ לַחוֹסִים בָּךְ נֶגֶד

כָּךְ נֶגֶד בְּנֵי אָדָם, ואמר מש״כ **מָה רַב טוּבְךָ** כאן נרמז שכר הצדיקים לעולם הבא, והקדים ואמר כי **כַּמָּה אִית לוֹן לִבְנֵי נָשָׁא לְאִסְתַּכְּלָא** כמה יש להם לבני אדם לעיין ולהתבונן בדרכי ה׳, שלא יעשו את המצות כמצות אנשים מלומדה, **וּלְמִנְדַּע בְּאָרְחוֹי דְּקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** וגם לדעת בדרכיו של הקב״ה, כמ״ש (דברים כח ט) והלכת בדרכיו, ועוד דרשו חז״ל (במס׳ שבת דף קלג ע״ב) מה הוא חנון ורחום אף אתה היה חנון ורחום.

**דְּהָא בְּכָל יוֹמָא וְיוֹמָא** (דף רכ ע״ב) **קָלָא נָפִיק** כי בכל יום ויום יוצא קול מצד התפארת שבו השפעת הרחמים, **וְאַכְרִיז וְאָמַר** ומכריז ואומר, כלומר שמתפשט הקול בכל העולמות, ונשמתו של אדם שומעת אותו, **אִסְתַּמְּרוּ בְּנֵי עָלְמָא** השמרו והזהרו בני העולם שלא תחטאו עוד, **טְרוּקוּ גַּלֵּי חוֹבִין** תסגרו את פתחי העונות בפני היצר הרע, שלא ימצא פתח פתוח להסית אתכם, **אִסְתַּלְּקוּ מֵרִשְׁתָּא דְּתָפִיס** הסתלקו מרשת היצר הרע התופס והצודה בני אדם, כמחז״ל (אבות פ״ג משנה ט״ז), ומצודה פרוסה על כל החיים, ור״ל שתתקנו בהקדם מה שחטאתם, **עַד לָא יִתָּפְסוּן רַגְלַיְיכוּ בְּהַאי רִשְׁתָּא** עד שלא יהיו נתפסות רגליכם במצודות היצר הרע.

ואמר עוד כי **גַּלְגַּלָּא סַחֲרָא תְּדִיר** הגלגל של הנהגת העולם שבידי המלכות סובב וחוזר תמיד, **סָלִיק וְנָחִית** לפעמים עולה ומתגבר הרחמים, ולפעמים יורד ומתגבר הדין, **וַוי לְאִינוּן דְּדַחְיָין רַגְלַיְיהוּ מִגּוֹ גַּלְגַּלָּא** אוי לאלו שדוחים את רגלם מתוך הגלגל של המלכות, כלומר שאינם רוצים להתנהג בהנהגת התורה ורודפים אחרי שרירות לבם הזונה ומתדבקים בהחיצונים, **דְּהָא נָפְלֵי לְגוֹ עוּמְקָא** כי אז הם נופלים לתוך עומק הגיהנם, **דְּטָמִיר לְאִינוּן חַיָּיבֵי עָלְמָא** השמור לאותם רשעי העולם, **וַוי לְאִינוּן דְּנָפְלִין וְלָא יְקוּמוּן** אוי לאלו הרשעים שהם נופלים לתוך הגיהנם ולא יקומו ולא יצאו משם לעולם, **וְלָא יִנְהֲרוּ בִּנְהוֹרָא דִּגְנִיז לְצַדִּיקַיָּיא לְעָלְמָא דְּאָתֵי** ולא יאירו באור הגנוז לצדיקים לעולם הבא, ואוי לו למי שנדחה מהאור הזה.

## אידיש

בְּנֵי אָדָם", וִוי גְרוֹיס און פִּיל אִיז דַיין גוּטְס וָואס דוּ הָאסְט בַּאהַאלְטְן פַאר דִי וָואס פָארְכְטְן דִיר, און וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן פַאר דִי וָואס שִׁיצְן זִיךְ אִין דִיר, אִין פָארְנְט פוּן דִי מֶענְטְשְׁן. און רַבִּי יוֹסֵי הָאט גֶעזָאגְט, אַז דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "מָה רַב טוּבְךָ", דָא אִיז מְרֻמָּז דֶער שְׂכַר פוּן דִי צַדִּיקִים אוֹיף עוֹלָם הַבָּא, און צוּם עֶרְשְׁט הָאט רַבִּי יוֹסֵי גֶעזָאגְט, וִויפִיל דַארְפְן דִי מֶענְטְשׁ זִיךְ פַארְטִיפְן און אַרַיינְטְרַאכְטְן אִין דִי וֶועגְן פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט טוּן דִי מִצְוֹת אַזוֹי וִוי עֶפֶּעס וָואס מֶענְטְשְׁן טוּעֶהן צוּלִיבּ דָאס גֶעוואוֹינְהֵייט, און אוֹיךְ דַארְפְן דִי מֶענְטְשׁ אַנֶערְקֶענֶען דִי וֶועגְן פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְהָלַכְתָּ בִּדְרָכָיו", און דוּ זָאלְסְט גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, און נָאךְ הָאבְן חֲזַ"ל גֶע'דַרְשְׁ'נְט דֶערוֹיף אִין מַסֶּכֶת שַׁבָּת, אַז דָאס מֵיינְט אַז אַזוֹי וִוי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶערְבַּארֶעמְדִיג, אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיךְ זַיין דֶערְבַּארֶעמְדִיג.

**וַוייל** יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ קוֹל מִצַּד דִי בְּחִינָה פוּן תִּפְאֶרֶת, וָואס אִין אִים אִיז דִי הַשְׁפָּעָה פוּן רַחֲמִים, און עֶס רוּפְט אוֹיס און זָאגְט, דָאס מֵיינְט אַז דֶער קוֹל וֶוערְט פַארְשְׁפְּרֵייט אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, און דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ הֶערְט עֶס, און אַזוֹי זָאגְט דֶער קוֹל: הִיט אַייךְ און גֶעבְּט אַכְטוּנְג, אִיר מֶענְטְשְׁן פוּן דִי וֶועלְט, אַז אִיר זָאלְט מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן, און פַארְמַאכְט דִי עֶפֶענוּנְגֶען פוּן זִינְד אִין פָארְנְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, אַז עֶר זָאל נִישְׁט גֶעפִינֶען קַיין אָפֶענֶעם טִיר אַייךְ צוּ צוּרֶעדְן, גֵייט אַוֶועק פוּנֶעם נֶעץ פוּן דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס עֶר כַאפְּט און פַאנְגְט מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן "וּמְצוּדָה פְּרוּסָה עַל כָּל הַחַיִּים", און אַ נֶעץ אִיז אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער אַלֶע לֶעבֶּעדִיגֶע, דָאס מֵיינְט אַז אִיר זָאלְט וָואס פְּרִיעֶר פַארֶעכְטְן דָאס וָואס אִיר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, נָאךְ אֵיידֶער אַייעֶרֶע פִּיס וֶוערְן פַארְכַאפְּט אִין דִי נֶעצְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע.

**און** רַבִּי יוֹסֵי הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט, אַז דָאס רָאד פוּן דִי הַנְהָגָה פוּן דִי וֶועלְט, וָואס גֶעפִינְט זִיךְ בַּיי דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת, דְרֵייט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג, אַמָאל גֵייט אַרוֹיף דִי בְּחִינָה פוּן רַחֲמִים און עֶס שְׁטַארְקְט זִיךְ, און אַמָאל גֵייט אַרָאפּ דִי בְּחִינָה פוּן דִין און עֶס שְׁטַארְקְט זִיךְ. הָאט רַבִּי יוֹסֵי גֶעזָאגְט, וֵויי אִיז צוּ דִי וָואס שְׁטוּפְּן אַרוֹיס זֵייעֶרֶע פִּיס פוּן דִי רָאד פוּן בְּחִינַת הַמַּלְכוּת, דָאס מֵיינְט אַז זֵיי ווִילְן זִיךְ נִישְׁט פִירְן לוֹיט דִי הַנְהָגָה פוּן דִי תוֹרָה, און זֵיי יָאגְן נָאךְ דִי גְלוּסְטֶענִישְׁן פוּן זֵייעֶר אָפְּקֶערְנְדִיגֶע הַארְץ און זֵיי קְלֶעבְּן זִיךְ אָן אִין דִי חִיצוֹנִים, וַוייל דֶעמָאלְטְס פַאלְן זֵיי אַרַיין אִין דִי טִיפֶענִישׁ פוּנֶעם גֵיהִנֹּם, וָואס אִיז אָפְּגֶעהִיטְן פַאר אָט דִי רְשָׁעִים פוּן דִי וֶועלְט, וֵויי אִיז צוּ אָט דִי רְשָׁעִים וָואס זֵיי פַאלְן אַרַיין אִינֶעם גֵיהִנֹּם, און זֵיי וֶועלְן נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין און וֶועלְן נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דָארְט קֵיינְמָאל, און זֵיי וֶועלְן נִישְׁט לַייכְטְן מִיטְן לִיכְטִיגְקֵייט וָואס אִיז בַּאהַאלְטְן פַאר דִי צַדִּיקִים אוֹיף עוֹלָם הַבָּא, און וֵויי אִיז צוּ דֶעם וָואס וֶוערְט אַוֶועקְגֶעשְׁטוּפְּט פוּן אָט דֶעם לִיכְטִיגְקֵייט.

**זַכָּאִין אִינּוּן צַדִּיקַיָּיא לְעָלְמָא דְּאָתֵי** אשריהם הצדיקים לעולם הבא, **דְּכַמָּה נְהוֹרִין גְּנִיזִין לוֹן** כי כמה אורות גנוזים ושמורים להם, **כַּמָּה עִדּוּנִין בְּהַהוּא עָלְמָא טְמִירִין לוֹן** כמה מעדנים צפונים להם בעולם ההוא, **דִּכְתִיב מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ**, ומפרש מש"כ **מָה רַב טוּבְךָ, הָא אוֹקְמוּהָ** הרי כבר ביארו החברים, כי **דָּא הוּא אוֹר דְּגָנִיז לְצַדִּיקַיָּיא לְעָלְמָא דְּאָתֵי** זהו האור הגנוז שגנזו הקב"ה לצדיקים לעולם הבא, **דִּכְתִיב וַיַּרְא אלהי"ם אֶת הָאוֹר כִּי טוֹב** הרי שהאור נקרא טוב, **וּכְתִיב אוֹר זָרוּעַ לַצַּדִּיק וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה** פי' שהאור מוכן לצדיק, **וְעַל דָּא** ועל זה כתוב **מָה רַב טוּבְךָ**, ומפרש **כְּתִיב הָכָא** כתוב כאן בשכר הצדיקים לעתיד לבוא **מָה רַב טוּבְךָ, וּכְתִיב הָתָם** ושם במעשה בראשית כתוב **וַיַּרְא אלהי"ם אֶת הָאוֹר כִּי טוֹב** הרי גזרה שוה, מה "טוב" של מעשה בראשית נאמר על האור, אף כאן בשכר הצדיקים "טובך" נאמר על האור, ופירושו מה רב וגדול אורך, אשר צפנת ליראיך.

ומש"כ **אֲשֶׁר צָפַנְתָּ** היינו **בְּגִין דְּאִסְתַּכַּל קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בְּהַהוּא נְהוֹרָא** לפי שהסתכל הקב"ה באור החסד ההוא, שהוא אור טהור, **וְאִסְתַּכַּל בְּאִינּוּן חַיָּיבַיָּא דִּזְמִינִין לְמֶחֱטֵי בְּעָלְמָא** והסתכל באותם הרשעים העתידים לחטוא בעולם ולטמאות עצמם, ואינם ראוים שישתמשו בזה האור, לכן **וְגָנִיז לֵיהּ לְהַהוּא נְהוֹרָא** גנז הקב"ה את האור ההוא, **לְמִזְכֵּי בֵּיהּ צַדִּיקַיָּיא לְעָלְמָא דְּאָתֵי, כְּמָה דְּאִתְּמַר** לזכות בו את הצדיקים לעולם הבא, כמו שלמדנו.

(פקודי דף רכ ע"א--ע"ב, ובביאורינו כרך ט עמ' ב-ד)

## אידיש

**זָאגְט** רַבִּי יוֹסֵי וַוייטֶער, וואויל אִיז צוּ דִי צַדִּיקִים אוֹיף עוֹלָם הַבָּא, וַוייל אַזוֹיפִיל לִיכְטִיגְקֵייטְן אִיז בַּאהַאלְטְן אוּן אָפְּגֶעהִיטְן פַאר זֵיי, וְויפִיל גְלוּסְטִיגְקֵייטְן אִיז בַּאהַאלְטְן פַאר זֵיי אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ", וִוי גְרוֹיס אוּן פִיל אִיז דַיין גוּטְס וָואס דוּ הָאסְט בַּאהַאלְטְן פַאר דִי וָואס פָארְכְטְן דִיר. אוּן רַבִּי יוֹסֵי עֶרְקְלֶערְט, אַז דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט "מָה רַב טוּבְךָ", הָאבְּן עֶס שׁוֹין דִי חֲבֵרִים עֶרְקְלֶערְט, אַז דָאס אִיז דֶער אוֹר הַגָּנוּז וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס בַּאהַאלְטְן פַאר דִי צַדִּיקִים אוֹיף עוֹלָם הַבָּא, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת הָאוֹר כִּי טוֹב", אוּן גָאט הָאט גֶעזֶען דִי לִיכְטִיגְקֵייט אַז עֶס אִיז גוּט, זֶעעֶן מִיר אַז דִי לִיכְטִיגְקֵייט וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "טוֹב", אוּן נָאךְ אַ פָּסוּק שְׁטֵייט "אוֹר זָרֻעַ לַצַּדִּיק וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה", דִי לִיכְטִיגְקֵייט אִיז אַיינְגֶעזַייט, דָאס מֵיינְט אַז עֶס אִיז אָנְגֶעגְרֵייט פַארְן צַדִּיק, אוּן פַאר דִי רֶעכְטְפַארְטִיגֶע הֶערְצֶער אִיז אַיינְגֶעזַייט שִׂמְחָה, אוּן דֶערוֹיף שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "מָה רַב טוּבְךָ", עֶרְקְלֶערְט רַבִּי יוֹסֵי, דָא שְׁטֵייט אַז דֶער שְׂכַר פַאר דִי צַדִּיקִים לֶעָתִיד לָבֹא וֶועט זַיין "מָה רַב טוּבְךָ", אוּן דָארְט בַּיי מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת הָאוֹר כִּי טוֹב", הָאבְּן מִיר אַ גְזֵרָה שָׁוָה, אַז אַזוֹי וִוי דֶער "טוֹב" פוּן מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיפְן לִיכְטִיגְקֵייט, אַזוֹי אוֹיךְ דָא בַּיי דִי שְׂכַר פוּן דִי צַדִּיקִים אִיז "טוּבְךָ" גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיפְן לִיכְטִיגְקֵייט, אוּן דֶער פָּסוּק "מָה רַב טוּבְךָ" מֵיינְט צוּ זָאגְן, וִוי פִּיל אוּן גְרוֹיס אִיז דַיין לִיכְטִיגְקֵייט, וָואס דוּ הָאסְט בַּאהַאלְטְן פַאר דִי וָואס פָארְכְטְן דִיר.

**אוּן** דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט וַוייטֶער "אֲשֶׁר צָפַנְתָּ", דָאס אִיז וְוייבַּאלְד דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט אִינֶעם לִיכְטִיגְקֵייט פוּן אָט דִי בְּחִינָה פוּן חֶסֶד, וָואס דָאס אִיז אַ לוֹיטֶערֶע לִיכְטִיגְקֵייט, אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין אָט דִי רְשָׁעִים וָואס זֶענֶען אָנְגֶעגְרֵייט צוּ זִינְדִיגְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן זִיךְ מְטַמֵּא זַיין, אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט וֶוערְד זִיךְ צוּ בַּאנִיצְן מִיט אָט דֶעם לִיכְטִיגְקֵייט, דֶערִיבֶּער הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְטְן אָט דֶעם לִיכְטִיגְקֵייט, כְּדֵי צוּ מְזַכֶּה זַיין דִי צַדִּיקִים דֶערְמִיט אוֹיף עוֹלָם הַבָּא, אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעלֶערְנְט.

**שבח דא שירתא**

פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה אִיז לֶעבְּן פַאר דִי פְּנִימִיּוּת הַגּוּף וָואס דָאס אִיז דֶער נֶפֶשׁ, אוּן דֶער חִיצוֹנִיּוּת דֶערְפוּן אִיז פַארְן חִיצוֹנִיּוּת פוּנֶעם גוּף, אוּן דִי וָואס בַּאשֶׁעפְטִיגְן זִיךְ אִין רֶמֶז אוּן אִין סוֹד קֶען דֶער יֵצֶר הָרָע זִיךְ נִישְׁט רֵייצְן אִין זֵיי.

(הגר"א, אבן שלמה, פרק ח' אות כ"ז)

צו באקומען דעם גליון יעדע וואך שיקט א אימייל צו:
3022233@gmail.com

הַזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ" ע"פ "מָתוֹק מִדְּבַשׁ" הפירוש הנפלא שהתקבל בכל תפוצות ישראל










פאר דעליווערי רופט:
845.664.5168
www.matokmidvash.com